**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/11/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול געבט איבער די לעצטיגע נייעס פאר ניו יארקער איבער לופט קוואליטעט**

***לופט קוואליטעט געזונטהייט עדווייזארי פאר אוזאן פאר די לאויווער האדסאן וואלי און ניו יארק סיטי מעטראו ראיאנען אויף דינסטאג***

***הויכע טעמפעראטורן זענען ערווארטערט דורכאויס רוב פונעם סטעיט ביז מיטוואך***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג (Department of Environmental Conservation) און די סטעיט אפטיילונג פון געזונטהייט (Department of Health) האבן ארויסגעגעבן א לופט קוואליטעט געזונטהייט עדווייזארי (Air Quality Health Advisory) פאר אוזאן אויף מארגן, דינסטאג, אגוסט 12, פאר די לאויווער האדסאן וואלי און ניו יארק סיטי מעטראו ראיאנען. די עדווייזארי פאר אוזאן בלייבט אין קראפט פאר לאנג איילענד, ניו יארק סיטי מעטראו, און לאויווער האדסאן וואלי ראיאנען פאר היינט, מאנטאג, אגוסט 11. צוליב דעם וואס מען קען נאך זעהן אביסל פון די וואלדפייער רויעך אין די הויכע הימלען בשעת עס ריקט זיך ארויס פונעם סטעיט, ווערן ניו יארקער איינוואוינער און באזוכער דערמאנט צו נעמען לופט קוואליטעט אויפמערקזאמקייט אין חשבון אין זייערע טעגליכע ווארעמע וועטער פלענער. די אפדעיט קומט נאך וואס גאווערנער Hochul (האקול) האט נעכטן געווארנט ניו יארקער זיך צוצוגרייטן פאר עטליכע טעג פון הויכע טעמפעראטורן אין דעם גאנצן סטעיט ביז מיטוואך. אויף דינסטאג זענען טעמפעראטורן ערווארטערט זיך צו שפירן ווי אין די מיטעלע צו הויכע 90'ער אין רוב פונעם סטעיט, בעיקר אין מערב ניו יארק, די פינגער לעיקס און די נארט קאנטרי. יומידיטי שטאפלען וועלן זיך אויך הייבן אויף דינסטאג און מיטוואך. אויף מיטוואך, וועלן טעמפעראטורן וואס שפירן זיך ווי אין די הויכע 90'ער אנהאלטן אין רוב פונעם סטעיט, און וועלן זיך שפירן נאנט צו 100 אין טיילן פון די מיד-האדסאן, ניו יארק סיטי, און לאנג איילענד ראיאנען. רעגן און שטורעמס זענען ערווארטערט לעגאויס דעם סטעיט אנגעהויבן פון דינסטאג און אריין אין מיטוואך.

"מיט די יעצטיגע ווענהייט פון עקסטרעמע טעמפעראטורן אין אונזער סטעיט, טוה איך נאנט נאכקוקן די פארשאאצונגען און טוה ארבעטן זייט ביי זייט מיט מיטארבעטער אין רעגירונג צו פארזיכערן אז ניו יארקער זענען באשיצט," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך בעט זיך ביי אלע ניו יארקער צו זיין "וואכזאם איבער לופט קוואליטעט" און צו ביטע נעמען די פאסיגע שיך-מאסנאמען צו האלטן זיך און זייערע באליבטע פארזיכערט."

די לופט קוואליטעט געזונטהייט עדווייזארי ראיאנען פאר מארגן, אגוסט 12, באשטייען פון: **לאויווער האדסאן וואלי**, וואס רעכנט אריין דאטשעס, ארענדש, פוטנעם, אלסטער, און סאליוואן קאונטיס און **ניו יארק סיטי מעטראו**, וואס רעכנט אריין ניו יארק סיטי און ראקלענד און וועסטשעסטער קאונטיס.

מענטשן, ספעציעל די מיט הארץ פראבלעמען און די וועלכע האבן אטעמען פראבלעמען (אזויווי אסטמא), יונגע קינדער, עלטערער מענטשן, די וועלכע טוען דרויסנדיגע איבונגען, און די וועלכע טוען שווערע דרויסנדיגע ארבעט זאלן נעמען אין באטראכט צו באגרענצן זייערע שווערע דרויסנדיגע פיזישע אקטיוויטעט אין די צייט ווען אוזאון שטאפלען זענען ביי די העכסטע פונקט (געווענליך אין די נאכמיטאג און אין די פריע אווענט שעות). ווען דרויסנדיגע שטאפלען פון אזאון גייען ארויף, וועט אריינגיין אינערווייניג געווענליך פארמינערן אויסגעשטעלטקייט. מענטשן וועלכע גייען אריבער סימפטאמען אזויווי קורצע אטעמען, ברוסט ווייטאג, אדער היסן זאלן נעמען אין באטראכט צו גיין צו זייער פערזענליכע דאקטער.

די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג (DEC) און די סטעיט אפטיילונג פון געזונטהייט (DOH) טוען ארויסלייגן לופט קוואליטעט געזונטהייט עדווייזאריס ווען DEC וועטער-באאמטע טוען פארשאצן אז שטאפלען פון פארפעסטיגונג, צו פון אוזאון אדער פון דינע פארטיקיולעט מעטער (PM2.5), זענען ערווארטעט צו זיין העכער פון א לופט קוואליטעט אינדעקס ( Air Quality Index, AQI) שטאפל פון 100. די AQI איז אוועקגעשטעלט געווארן אלס א גרינגע וועג צו קענען פארגלייכן שטאפלען פון פארשידענע סארטן פארפעסטיגונג אויף איין מהלך, און א העכערע AQI ציפער טוט אנדייטן א גרעסערער געזונטהייט געפאר.

ניו יארקער ווערן געמוטיגט צו זיין "אויפמערקזאם איבער די לופט קוואליטעט" און קוקן אויף airnow.gov פאר פונקטליכע אינפארמאציע איבער לופט קוואליטעט פארשאצונגען און אומשטענדן. צו זעהן די לעצטיגע DEC לופט קוואליטעט פארשאצונגען, באזוכט די DEC וועבזייטל.

**אוזאון**

זומער היץ קען פירן צו דאס פארמירן ערד-שטאפן אוזאון, א הויפט באשטאנדטייל פון פאטאכעמישע פאררויכערטע לופטן. רויעך וואס קומט ארויס פון וויהיקעלס און עמישען קוועלער פון אויסער'ן סטעיט זענען די הויפט מקור פון ערד-שטאפל אוזאון, און זענען די מערסט ערנסטע לופט פארפעסטיגונג פראבלעמען אין די צפון-מזרח ראיאן. מען זאל נישט פארמישן די סורפיס פארפעסטיג מיט די באשיצנדע שיכט פון אוזאון אין די העכערער אטמאספערע.

אוזאון איז נישט קיין דירעקטע עמישען, נאר עס פארמירט זיך פון א כעמישע רעאקציע צווישן זון שטראלן און נייטראדשען אקסיידס (nitrogen oxides, NOx) און וואלעטייל ארגאנישע קאמפאונדס (volatile organic compounds, VOC) פון וויהיקעל רויעך און אינדוסטריאלע עמישענס. הויכע אוזאון איז נישט אזוי זעהבאר ווי PM2.5 ווייבלאד עס איז א גאז וואס האט נישט קיין קאליר, אבער עס פאראורזאכט פארנעפלטע הימלען און רעדוצירט זעהבארקייט ווען עס איז פארהאן אסאך פון דערפון. די פראדערצירונג פון אוזאון קען אויך פארמערט ווערן צוליב די ווענזהייט פון וואלד-פייער רויעך.

אוזאון שטאפלען זענען געווענדליך נידריגע אין די ביינאכט שעות און קענען מינימיזירט ווערן אין די בייטאג שעות דורך באגרעניצן די באניץ פון וויהיקעלס און ניצן פובליק טראנספארטאציע ווען עס איז שייך.

ניו יארקער ווערן אויך שטארק געמוטיגט צו נעמען די פאלגנדע ענערגיע-שפארונג און פארפעסטיגונג-רעדוצירונג שריט:

- ניצט מאסן-טראנזיט אדער קארפול אנשטאטס אליין דרייוון, ווייבאלד וויהיקעל עמישענס זענען פאראנטווארטליך פאר בערך 60 פראצענט פון פארפעסטיגונג און אונזערע סיטיס;
- שפארט ברענשטאף און רעדוצירט וויהיקעל רויעך דורך צאמשטעלן נויטיגע מאטאר וויהיקעל טריפס;

- לעשט אויס אלע לעקטערס און עלעקטרישע עפלייענסעס אין ערטער וואו מענטשן געפונען זיך נישט;
- ניצט פענס צו צירקולירן לופט. אויף עיר קאנדישענינג פעלט זיך אויס, שטעלט אן די טערמאסטאט אויף 78 גראד;
- פארמאכט די פירהאנגען און שעידס צו באגרעניצן די אויפבוי פון היץ און צו פרעזערווירן קילע לופט;
- באגרעניצט די באניץ פון הויזגעזונד עפלייענסעס. אויב עס פעלט זיך אויס, ניצט די עפלייענסעס אין אף-פיק (נאך 7 p.m.) שעות. דאס רעכנט אריין דיש-וואשערס, טריקענערס, באסיין-פאמפס און וואסער אנהייצערס;
- שטעלט אן ריפרידשערעיטארס און פריזערס אויף מער עפישענט טעמפעראטורן;
- קויפט און שטעלט אריין ענערגיע עפישענט לעקטער און עפלייענסעס מיט די Energy Star סערטיפיקאציע; און
- רעדוצירט אדער פארמיידט דרויסנדיגע פייערן און פראבירט צו פארמיידן אינערוועדיגסטע קוועלער פון PM 2.5 אזויווי רייכערן.

מער אינפארמאציע איבער אזאון און PM 2.5 איז צו באקומען אויף DEC'ס וועבזייטל און אויף DOH'ס וועבזייטל (DOH / PM 2.5'ס וועבזייטל (אזאון). א נייע DEC פאקטן בלאט איבער די לופט קוואליטעט אינדעקס איז דא צו באקומען אויף DEC'ס וועבזייטל אדער דורך PDF דאונלאוד.

צו כסדר האבן די לעצטיגע אינפארמאציע מיט מעלדונגען פון DEC, שרייבט אייך אויף צו באקומען לופט קוואליטעט אלערטסדורך DEC דעליווערס (DEC Delivers). די DEC'ס הויפט אימעיל סערוויס. א טאל-פרייע לופט קוואליטעט האט-ליין (1-800-535-1345) איז אויך אוועקגעשטעלט געווארן דורך DEC צו העלפן האלטן ניו יארקער אינפארמירט איבער די לעצטיגע לופט קוואליטעט אומשטענדן.

עקסטרעמע היץ איז געפארפול און פאראורזאכט די מערסטע וועטער-פארבינדענע טויטפעלער אין אמעריקע. די מערסטע באקאנטע היץ-פארבינדענע קראנקהייטן זענען היץ סטראוק (זון סטראוק), היץ אויסגעשעפטקייט, היץ קרעמפס און היץ אויסשלאג. לערנט מער איבער היץ-פארבינדעטע מעדיצינישע פראבלעמען, אריינגערעכנט צייכנס און סימפטאמען און ווען צו נעמען שריט אויף די סטעיט געזונטהייט אפטיילונג'ס עקסטרעמע היץ עצות וועבזייטל בלאט.

פאר א פולע ליסטע פון וועטער וואטשעס, ווארענונגען, עדווייזאריס און די לעצטע פארשאצונגען, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס'ס (National Weather Service) וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן